**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/22/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט גרויסע עררייכונג פאר SOUTH FORK WIND מיט אינסטאלאציע פון ערשטע יסודות אינעם ים ביי ניו יארק'ס ערשטע ווינט פארם אינעם ים

***South Fork Wind עררייכט די סטעיט'ס ערשטע "שטאל אין די וואסער" פאר ווינט אינעם ים מיטן אינסטאלירן די יסודות פאר פאראייניגטע שטאטן-געבויטע סאב-סטאנציע אויפן ים***

***גרויסע עררייכונג פאר ניו יארק'ס ערשטע ים-ווינט פארם אויפן וועג צו ווערן אמעריקע'ס ערשטע פארענדיגטע ים-ווינט פראיעקט אין פעדעראלע וואסערן אויף א פארנעם צו קענען צושטעלן יוטיליטי עלעקטריציטעט***

***שטיצט דעם קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ ציהל צו אנטוויקלען 9,000 מעגאַוואַטס פון ווינט אויפן ים ביז 2035***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז South Fork Wind – ניו יארק'ס ערשטע ווינט 'פארם' (ווינט טורבינע איינריכטונג) אויפן ים – איז אנגעקומען צו די "שטאל אין די וואסער" שטאפל מיטן אינסטאלירן דעם פראיעקט'ס ערשטע 'מאָנאָפּייל' יסודות. אין די קומענדיגע טעג וועט South Fork Wind אינסטאלירן דעם פראיעקט'ס פאראייניגטע שטאטן-געבויטע סאב-סטאנציע אויפן ים. דער פראיעקט איז אויף די רעלסן צו ווערן אמעריקע'ס ערשטע ים-ווינט פארם אויף א פארנעם צו קענען צושטעלן יוטיליטי עלעקטריציטעט צו פארענדיגט ווערן אין פעדעראלע וואסערן ווען עס וועט אריינגיין אין אפעראציע סוף פון דעם יאר, און עס וועט שטיצן די ציהל פון דעם 'קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ' (Climate Leadership and Community Protection Act, CLCPA) צו אנטוויקלען 9,000 מעגאַוואַטס פון ווינט אויפן ים ביז 2035.

"ניו יארק שטייט אין שפיץ פון ים-ווינט אנטוויקלונג און זי בויט א גרינע עקאנאמיע וואס וועט שטיצן הונדערטע שיין-באצאלטע דזשאבס און בענעפיטירן פילע דורות אין די צוקונפט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די פארשריט מיטן אויפבויען דעם ערשטן ים-ווינט פראיעקט אויף א יוטיליטי פארנעם אינעם לאנד באפעסטיגט ניו יארק'ס שטאנד אלץ א נאציאנאלע צענטער פאר די ים-ווינט אינדוסטריע."

איינמאל עס וועט זיין פארענדיגט וועט די ווינט פארם אויפטרייבן גענוג ריינע ענערגיע צו קענען צושטעלן טרייב-קראפט פאר אומגעפער 70,000 היימער, העלפנדיג ניו יארק צו נאכקומען אירע אמביציעזע קלימאט געזעץ ציהלן, בשעת'ן עלימינירן ביז אזויפיל ווי זעקס מיליאן טאן פון קארבאן עמיסיעס — די מאס וואס וואלט אוועקגענומען געווארן דורכן אראפנעמען 60,000 קארן פון די שאסייען יערליך איבער א תקופה פון 25 יאר. הונדערטע פאראייניגטע שטאטן ארבייטער און דריי צפון-מזרח פארטן וועלן שטיצן די קאנסטרוקציע פון South Fork Wind דורכאויס די ענדע פון הערבסט צו העלפן אויפשטעלן א נייע אינלאנדישע סופליי טשעין וואס באשאפט הונדערטע לאקאלע יוניאן דזשאבס אריבער די צפון-מזרח.

South Fork Wind – צום ערשט באשטעטיגט דורך די לאנג איילענד פּאַווער אויטאריטעט ( Long Island Power Authority, LIPA) אין 2017 – איז אויסדערוועהלט געווארן נאך אן איינלאדענונג פאר פארשלאגן איז ארויסגעלייגט געווארן אין 2015 צו אדרעסירן די וואקסנדע ענערגיע באדערפענישן אויף די מזרח זייט פון לאנג איילענד.

**לאנג איילענד פאווער אויטאריטעט CEO, טאם פאלקאָון, האט געזאגט,** "די היינטיגע טאג צייכנט אפ א באדייטנדע טריט פאראויס אין ניו יארק'ס ריינע ענערגיע רייזע און פאר LIPA'ס פארפליכטונג צו פארזיכערן אן ענווייראמענט-פריינטליכע און שטאנדהאפטיגע צוקונפט פאר אונזער קליענטן. די ערררייכונג פון דעם פראיעקט וואס קאכט זיך שוין פאר יארן איז א סימן אז אונזערע באמיאונגען ווערן פארוואנדלט פון א חזון צו א מציאות. מיר זענען שטאלץ צו זיין א חלק פון דעם היסטארישן פראיעקט, און מיר וועלן פארזעצן צו פירן און ערפינדן אין אונזער געיעג נאך אן ענווייראמענט-פריינטליכע צוקונפט פאר לאנג איילענד און אין די ראַקעוועיס."

**NYSERDA פרעזידענט און CEO, דאָרין מ. העריס, האט געזאגט,** "אריינגיסן שטאל אין די וואסער פאר ניו יארק'ס ערשטער ים-ווינט פארם פראיעקט איז א ריזיגע ערררייכונג אין די אנטוויקלונג פון די נייע אינדוסטריע וואס קומט אמאל אין א יובל אין די פאראייניגטע שטאטן, און עס שפיגלט אפ די באדייטנדע פארשריט וואס ניו יארק מאכט אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט צו אריבערפירן אונזער עלעקטריציטעט סיסטעם צו ריינע, פארלעסליכע ענערגיע מקורות. דער South Fork Wind איז א מוסטער פון וויאזוי קאמיוניטי מיטארבעט, שטארקע שותפות'ן צווישן רעגירונג און פריוואטע קערפערשאפטן און לעיבאר קענען פארזיכערן אז פראיעקטן רוקן זיך פאראויס אין א וועג וואס רעזולטירט אין באדייטנדע עקאנאמישע בענעפיטן פאר אונזער סטעיט בשעת'ן העלפן אויספלאסטערן די וועג פאר א געזונטערע, מער שטאנדהאפטיגע צוקונפט."

**דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג ( Department of Environmental Conservation) קאמישאנער, בעזיל סעגאָוס, האט געזאגט,** "ניו יארק שטופט פאראויס ים-ווינט אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט צו העלפן נאכקומען אונזערע סטעיט'ס ענערגיע באדערפענישן און צו העלפן אריבערפירן די סטעיט צו א ריינערע, גרינערע צוקונפט אלץ טייל פון אונזער לאנד'ס-פירנדע קלימאט אגענדע. דער South Fork Wind פראיעקט איז א היסטארישער און טראנספארמאטיווער פראיעקט וואס וועט העלפן נאכקומען אונזער אגרעסיווע גאז עמיסיע רעדוקציע פאדערונגען בשעת'ן פארגרעסערן די באנוץ מיט ריינע ענערגיע מקורות און באקעמפן קלימאט טויש."

**פארזיצער פון די פובליק סערוויס קאמיסיע (Public Service Commission), ראורי מ. קריסטשיען, האט געזאגט,** "איך אפלאדיר גאווערנער האקול'ס פעלזן-פעסטע פארפליכטונג צו אנטוויקלען די ריינע ענערגיע סופלייס וואס ניו יארק סטעיט דארף. די ווינט פארם וועט שפילן א הויפט ראלע ביים צושטעלן די גאר-נויטיגע ריינע ענערגיע אין לאנג איילענד און ביים העלפן ניו יארק ערררייכן אירע לאנד'ס-פירנדע ריינע-ענערגיע ציהלן."

**גרופע עקזעקיוטיוו וויצע פרעזידענט און CEO פון Ørsted אין די אמעריקעס, דעיוויד הארדי, האט געזאגט,** "South Fork Wind איז יעצט איין ריזיגע טריט נאענטער צו ערפילן אונזער מיסיע צו ברענגען ים-ווינט ענערגיע צו לאנג איילענד'ס מזרח זייט. אזוי ווי מיר ערררייכן א טאג וואס קאכט זיך שוין פאר כמעט צען יאר, קוקן מיר צוריק אויף אלע די מענטשן וועלכע קעמפן שוין פון לאנג פאר דעם פראיעקט אין די איסט העמפטאן קאמיוניטי און ווייטער. די אמביציעזע פירערשאפט פון דיביידן-העריס און די האקול אדמיניסטראציעס שטעלט ניו יארק און דאס לאנד אויף די רעלסן צו א ריינערע צוקונפט. א דאנק אמעריקאנע גאוונות, פירט South Fork Wind צו א נייע פאראייניגטע שטאטן טרייב קראפט פון דזשאבס און צו באקעמפן קלימאט טויש מיטן פולן קראפט."

**Eversource Energy's פרעזידענט, CEO און טשערמאַן, דזשאָו נאָולען, האט געזאגט,** "די היינטיגע טאג צייכנט אפּ א גרויסע עררייכונג פאר South Fork Wind און פאר די פאראייניגטע שטאטן ים-ווינט אינדוסטריע בכלל אזוי ווי מיר גייען אריין אין דעם פראיעקט'ס ענדגילטיגע שטאפּלען. South Fork Wind איז אויפן וועג צו ווערן די לאנד'ס ערשטע פארענדיגטע ים-ווינט פארם אין פעדעראלע וואסער אויף א פארנעם צו קענען צושטעלן יוטיליטי עלעקטריציטעט, און עס וועט בקרוב ליפערן גענוג ריינע ענערגיע צו צושטעלן עלעקטריציטעט פאר קרוב צו 70,000 היימער. מיר זענען דאנקבאר פאר דיביידן-העריס און האקול אדמיניסטראציעס און אזוי אויך פאר די צאללאזע סטעיט און לאקאלע שטיצער און וועלכע דער קריטישער פראיעקט וואלט נישט מעגליך געווען."

מיט די היינטיגע עררייכונג, גייט South Fork Wind אפיציעל אריין אין די שטאפל פון די אינסטאלאציע פון די ווינט טורבינעס — די ענדגילטיגע קאנסטרוקציע שטאפל אויף דעם פראיעקט פון 12 טורבינעס מיט 130 מעגאַוואַטס. South Fork Wind האט זיך אנגעהויבן אין פעברואר 2022, אנהויבנדיג מיט די דראטן סיסטעם אויפן ברעגע. דער פראיעקט איז איינס פון פינף ים-ווינט פראיעקטן וואס ניו יארק סטעיט האט אין אקטיווע אנטוויקלונג, די גרעסטע ליסטע פון פראיעקטן אין דאס לאנד. די יעצטיגע ליסטע פון פראיעקטן זענען פאר א סך הכל פון איבער 4,300 מעגאַוואַטס, און זיי וועלן צושטעלן די טרייב-קראפט פאר מער פון 2.4 מיליאן ניו יארקע היימער, און עס איז ערווארטעט צו האבן א סך הכל השפעה אויף די עקאנאמיע אין ווערט פון 12.1 ביליאן דאלאר פאר די סטעיט. די פראיעקטן זענען אויך ערווארטעט צו שאפן מער פון 6,800 דזשאבס אין די אנטוויקלונג פון דעם פראיעקט, מעניופעקטשורינג פון באשטאנדטיילן, אינסטאלאציע, אפעראציעס און אויפהאלטונג. עררייכן די סטעיט'ס ציהל פון 9,000 מעגאַוואַטס ביז 2035 וועט אויפטרייבן גענוג ים-ווינט ענערגיע צו צושטעלן עלעקטריציטעט פאר אומגעפער 30 פראצענט פון ניו יארק סטעיט'ס עלעקטריציטעט באדערפענישן — אזוי פיל וואס פעהלט אויס פאר כמעט 6 מיליאן ניו יארק סטעיט היימער, און עס וועט באשאפן אומגעפער 10,000 דזשאבס.

ניו יארקע לאקאלע יוניאן מיטגלידער, אריינרעכענענדיג אייזן ארבייטער, פּייל דרייווערס, דרייווערס, אפערירנדע אינדזשענירן, עלעקטרישענס, לעיבארערס און אנדערע מיטגלידער פון די ראיאן'ס בויען ארבייטער יוניאנס שטיצן די ארבעט אויפן ים. Ørsted און Eversource האבן אונטערגעשריבן אין 2022 די [נאציאנאלע ים-ווינט אפמאך מיט צפון אמעריקע's Building Trades Unions], די לעיבאר ארגאניזאציע וואס פארטרעט מער פון דריי מיליאן טרענירטע פראפעסיאנאלן. די שותפות רעכנט אריין 15 אינטערנאציאנאלע יוניאן פרעזידענטס און זייערע לאקאלע פארבינדענע ארגאניזאציעס, און עס שטעלט אוועק א הויכע סטאנדארט פאר ארבעט אומשטענדן און גלייכקייט, עס שפּריצט אריין מיליאנען דאלארן אין מיטעלע-קלאס געהאלטן אין די אמעריקאנע עקאנאמיע, שאפט געלעגנהייטן זיך צו אריינטרענירן און אנהויבן קאריערעס פאר קאמיוניטיס וועלכע זענען די שווערסטע באטראפן געווארן פון ענווייראמענטאלע אומגערעכטיגקייט און עס פארזיכערט אז פראיעקטן וועלן געבויט ווערן דורך די זיכערסטע און בעסטע-טרענירטע ארבייטער אין אמעריקע. זייענדיג די ערשטע פון די סארט אין די פאראייניגטע שטאטן דעקט די נאציאנאלע ים-ווינט אפמאך (National Offshore Wind Agreement, NOWA) אלע קאנטראקטארס און סאב-קאנטראקטארס פון Ørsted וועלכע וועלן דורכפירן די קאנסטרוקציע אויף די ים-ווינט פארם.

דורכאויס די קאנסטרוקציע תקופה אויף די South Fork Wind דעם זומער און הערבסט אויף די לאקאציע פון דעם פראיעקט וואס געפונט זיך אומגעפער 35 מייל מזרח פון מאנטאוק, ניו יארק — וועלן קאנסטרוקציע און טראנספארט באַרדזשעס, טאָגבאָוט שיפן, מאנשאפט שיפן און באשיצטע באשעפענישן נאכפאלגונג שיפן זיין אקטיוו ביי די קאנסטרוקציע לאקאציע אויפן ים. שיפן און קרעין אפערירער, שיף קאפיטאנען און מאנשאפטן, אינדזשענירן, שמעלצער, וויסנשאפטלער, די וועלכע זענען פאראנטווארטליך צו אויפפאסן אויף באשיצטע באשעפענישן און צענדליגע אנדערע זענען פארמישט אין די אפעראציע. דרוקט [דא] צו לערנען מער איבער וויאזוי ים-ווינט פארמס ווערן אויפגעבויט.

א ים אינסטאלאציע שיף מיט די נאמען *Bokalift 2* פון Boskalis טראנספארטירט און אינסטאלירט די יסודות. South Fork Wind רעכנט אריין די ערשטע פאראייניגטע שטאטן-געבויטע ים-ווינט סאב-סטאנציע. מער פון 350 פאראייניגטע שטאטן ארבייטער פון דריי סטעיטס האבן געשטיצט די קאנסטרוקציע פון די South Fork Wind סאב-סטאנציע, א סטורקטור אויף די אויבערפלאך וואס וועט זאמלען די טרייב קראפט וואס ווערט פראדוצירט דורך די ווינט טורבינעס און עס לאזן אריינפליסן אין די 'גריד'. ניו יארקע יוניאן ארבייטער האבן געשטיצט די אינסטאלאציע דערפון אויפן ים.

פארגעשריטענע יסודות באשטאנדטיילן וועלכע זענען געבויט געווארן דורך יוניאן ארבייטער וועלן טראנספארטירט ווערן צו די לאקאציע צו אינסטאלירט ווערן. צום שלוס, וועלן די ווינט פארם'ס 11 Siemens-Gamesa-מעגאַוואַט ווינט טורבינע דזשענערעיטארס אינסטאלירט ווערן.

איינמאל עס וועט זיין אין אפעראציע וועט South Fork Wind געשטיצט ווערן דורך אמעריקע'ס ערשטע ים-ווינט סערוויס אפעראציעס שיף און אזוי אויך דורך פאראייניגטע שטאטן-געבויטע מאנשאפט טראנספער שיפן.

**סופאָלק קאונטי עקזעקיוטיוו סטיוו בעלאָון האט געזאגט,** "עס איז קלאר אז ים-ווינט איז א צענטראלע חלק פון אונזער לאנד'ס צוקונפט מיט ריינע ענערגיע, און איך בין שטאלץ אז סופאָלק קאונטי האט א פעסטע פאזיציע אויפן סאמע פארנט פון די אינדוסטריע. די אינסטאלאציע פון די ערשטע טורבינע יסודות און ים-ווינט סאב-סטאנציע איז א גרויסע עררייכונג ביים העלפן בויען א ריינערע צוקונפט פאר ניו יארק. איך וויל באדאנקען גאווערנער האקול פארן פארזעצן צו אויספלאסטערן די וועג פאראויס צו א גרינערע וועלט פאר צוקונפטיגע דורות."

**סופערווייזאר פון טאון אָוו איסט העמפטאן, פיטער וואן סקאיאק, האט געזאגט,** "היי יאר פייערט די טאון אָוו איסט העמפטאן איר 375'סטע יארטאג. מיר זענען שטאלץ מיט אונזער פארגאנגענע היסטאריע, און מיר זענען שטאלץ מיט די חלק וואס מיר האבן ביים שרייבן די היסטאריע דורכן זיין די קאמיוניטי וואו ניו יארק'ס ערשטע ים-ווינט פארם וועט אויפגעשטעלט ווערן. די לעצטע קאנסטרוקציע עררייכונג ברענגט דעם וויכטיגן פראיעקט נאך איין טריט נאענטער צו צושטעלן פאר ביז אזויפיל ווי 70,000 היימער ריינע ענערגיע, און עס העלפט אונז צו נאך מער רעדוצירן די אורזאכן פון קלימאט טויש."

**דירעקטאר פון די New York Offshore Wind Alliance (ניו יארק ים ווינט אליאנס), פרעד זאלקמאן, האט געזאגט,** "די אינסטאלאציע פון די ערשטע ים-ווינט חלקים וועלכע וועלן באדינען ניו יארק סטעיט קומט נאך יארן פון מיהען פון בירגערליכע פירער, סטעיט און פעדעראלע בעאמטע, ארבייטער און פריוואטע אינדוסטריעס. די South Fork Wind פארם שטייט אלץ א באוווייז פון די באדייטנדע ענווייראמענטאלע, עקאנאמישע און געזעלשאפטליכע בענעפיטן פון די אוצר, און צוקונפטיגע דורות וועלן צוריקקוקן אויף דעם היסטארישן געשעעניש און באדאנקען די וועלכע זענען פאראנטווארטליך פאר די South Fork Wind פארם פאר זייער אנטשיידנקייט, שעפערישקייט און חזון ביים ברענגען דעם פראיעקט צו פארווירקליכט ווערן."

**פרעזידענט פון די New York League of Conservation Voters, דזשולי טייג, האט געזאגט,** "עס איז באגייסטערנד צו צוזעהן ווי פלענער ווערן שריט אזוי ווי דער South Fork Wind פראיעקט גיסט די ערשטע שטאל אין די וואסער, באצייכענענדיג א באגייסטערנדע עררייכונג אויף ניו יארק'ס וועג צו מאכן די גריד גרינער. די New York League of Conservation Voters לויבט אויס גאווערנער האקול פאר איר אנטשיידענע איבערגעגעבנקייט צו באקעמפן קלימאט טויש און פארן אונטערנעמען אמביציעזע שריט צו זיכער מאכן אז ניו יארק איז א פירער אין ים-ווינט ענערגיע פראדוקציע. מיר גראטולירן South

Fork Wind אויף די וויכטיגע פארשריט און פארן צוזאגן דאס אנקום פון ניו יארק'ס ריינע ענערגיע צוקונפט."

**עקזעקיוטיוו דירעקטארין פון Citizens Campaign for the Environment (בירגער קאמפיין פאר די סביבה), עדריען עספאזיטאָו, האט געזאגט,** "היינט פייערן מיר א גורל'דיגע זיג אין ניו יארק'ס שלאכט פאר א צוקונפט פון ריינע ענערגיע. נאך קרוב צו צוואנציג יאר פון ארבעטן צו מאכן ים-ווינט פאר א רעאליטעט, איז דאס א גוטע סיבה צו פייערן. דאס איז די מאמענט ווען מיר הויבן אן אפברעכן אונזער אדיקשען צו פאַסיל ברענשטאף און אריבערגיין צו ריינע קוועלער. די ים-ווינט פארם איז די ערשטע פון פילע וועלכע וועלן אונז ערלויבן אנקומען צו פולשטענדיג באלאנסירן קארבאן אין עלעקטריציטעט ביז 2040 און אין די גאנצע עקאנאמיע ביז 2050. עס איז געווען א לאנגע קאמף, אבער עס איז א קאמף וואס מיר וועלן פארזעצן כדי מיר זאלן האבן ריינערע לופט, באקעמפן קלימאט טויש און שטיצן געזונטערע קאמיוניטיס. ניו יארק'ס ים-ווינט צוקונפט הויבט זיך באמת אן יעצט!"

**פרעזידענט פון די Long Island Federation of Labor (לאנג איילענד פעדערעישען פון לעיבאר), דזשאן ר. דורסאָו, האט געזאגט,** "אנהויבן קאנסטרוקציע פון דעם South Fork ים-ווינט פראיעקט איז א היסטארישע עררייכונג פאר ניו יארק סטעיט און פאר לאנג איילענד. אונזער יוניאן באוועגונג קען צו גוט די פארלאנג וואס ווערט ארויפגעלייגט אויף ארבעטנדע מענטשן נאכפאלגנדיג נאטורליכע קאטאסטראפעס וועלכע קומען פאר מער אפט צוליב די קלימאט קריזיס וואס מיר ווערן אלע געצווינגען צו אריבערגיין. נאך לאנגע יארן פון פלאנירונג און שתדלנות, בויט די ראיאן אויף ניו יארק'ס ערשטע ים-ווינט פארם צו אדרעסירן די קריזיס מיטן פילן קראפט. די אנטוויקלונג פון גרינע יוניאן דזשאבס אין די פראצעדור וועט פארשטערקערן אונזערע קאמיוניטיס און אפפערן לאנגיאריגע קאריערעס פאר א נייע דור פון ארבייטער."

**פרעזידענט פון דעם Building and Construction Trades Council of Nassau and Suffolk Counties (בויען און קאנסטרוקציע האנדל קאונסיל פון נעסאו און סופאָלק קאונטיס), מעטיו ערעסיטש, האט געזאגט,** "איך בין גאר באגייסטערט און שטאלץ צו זעהן די ערשטע שטאלענע סטרוקטור ווערנדיג אויפגעבויט אינעם ים. דאס איז באמת א היסטארישע עררייכונג וואס וועט העלפן רעדוצירן עמיסיעס אין לאנג איילענד. די טורבינעס זענען די ערשטע ווינט פארם אויף א גרויסע פארנעם וואס מיר בויען אויפן ים, און זיי קומען מיט א ריזיגע שפרינג פאראויס אין ארבעטסקראפט אנטוויקלונג. אין צוגאב וויל איך באדאנקען די פלייסיג-ארבעטנדע פעהיגע פרויען און מענער וועלכע בויען די טורבינעס יעדן איינציגסטן טאג."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן